היינט 10 זייטען.

Radomer-Kielcer Leben
2 (242) VI-טער יאהרגאנג.
Radom ראדאם פרייטאג
11 Stycznia 1929 כ״ט טבת תרפ״ט.
פרייז 25 גראשען.

Redakcja i Admistracja
Radom, Szwarlikowska 20.

Oddział w Kielcach.

אנאנסען פרייזן
אין מיל-מעטער שורה: פאר׳ן טעקסט 20 גר
„ „ „ אין „ 49 „
„ „ „ (נאך) „ 18 „
די אנאנסען און לבדרס זיינען גערעכנט 8 שפאלטען אין טעקסט 4.

# ראדאמער-קעלצער לעבען


## אכטונג.

די פרוי, וועלכע האט מיטוואך דעם צווייטען סטיציען 1929 אין די נאכמיטאג-שטונדען ביי מיר געפאסטען א ברוינעם פאלטא פאר איהר טאכטער בעט איך אין א זעהר וויכטיגער אנגעלעגענהיים זיך צו מיר צו ווענדען.

„קאדישעוויטש“
לובלינער 1 ראדאם.

Prezesowi naszemu
p. ELJASZOWI KORMANOWI
z intencji zaręczyn córki Jego p.
ANNY z p. Mońkiem Zylberbergiem
najserdeczniejsze życzenia zasyła
Personel
Kupieckiej Spółdzielni Kredytowej
w Radomiu, Rwańska № 21

Z intencji zaręczyn p. M. WEINMANA
z p. Balą Goldmincówną
życzą wiele szczęścia
Wajsfelnerowie

די פערוואלטונג פון ראדאמער בית-יתומים
— אָרדענט איין —
א גראנדיעזען
# מאסקען-באל
דעם 19 יאנ 1929
אין די זאלען פון טעאטער „ראזמאיטאשטשי“
א ערשטקלאסיגער ארקעסטער
א רייך-איינגעארדענטער בופעט מיט ביליגע פרייזען
צוגענגליך פאר אלעמען,
און פערשידענע אטראקציעס.
בעמערקונג: די ריינע הכנסה פון באל איז צו פערשטארקען די קאסע פון בית-יתומים.

## האלא ראדאם! האלא ראדאם!

די בעסטע, די בעקוועמסטע אויטאבוסען-רייזע קיין ווארשא איז נאר אויף די לוקסוס-אויטאבוסען:
# „שטייער“ און „מאריס“
וועלכע זענען געלאזען געווארען אין גאנג די היינטיגע וואכען.
דער רייזע-פלאן איז פאלגענדער:

| | |
|---|---|
| פון ראדאם 7 פריה געהט אב „שטייער“ פון רוג ווארשאוער און לובלינער. „מאריס“ געהט אב 9 פריה פון דער זעלבער ריכטונג | פון ווארשא 4 נ. מ. און 7 אוונט פון דלוגא 29 (האטעל פאלסקי) נומ. טעלעפאן 64—428. |

די אויטאבוסען געהען דורך די ליניע ביאלאבזשעג—גריצע.
בילעטען פריהער צו בעקומען אין ראדאם דלוגא 1 ביי ה׳ ווייגארט (פראנט-געשעפט) און אין ווארשא אין האטעל פאלסקי.
דורך די זעלבע אויטאבוסען ווערט ערלעדיגט אויפ׳ן רעיעלסטען אופן אלערהאנד האנדעלס-אנגעלעגענהייטען ווי: סחורות, געלד-זענדונגען א. ז. וו.
ווענען אלעם זיך ווענדען צו דער פירמע „גוואראנציא“
וואס געפינט זיך: ראדאם, דלוגא 1 ביי ה ווייגארט, פון 7 פריה ביז 10 אוו.
די אויטאבוסען „שטייער“ און „מאריס“, וועלכע זענען גערופען געווארען אויפ׳ן נאמען „גלאט—מלינקעוויטש“ רופען זיך היינט: פירמא „גוואראנציא“ און אלעס ווערט ערלעדיגט דורך דער דערמאנטער פירמא.

פיינסטע פלאנצען-פוטער
כשר שרון, פרימא, אגוז,
אמאדאר-מנורה-כשר
היגיעניש - נארהאפטיג
בעשאנקען
מיט 6 גאלד-מעדאלען




נידער
מיטן יקרות!
זאגט אלע אייערע
פריינדינס, ווירטינס,
אז נוצען זאלען זיי
נור די איינציגע
פלאנצען-פוטער
„אמאדא“
וועלכע נעמט אויס
מיט איהר גוטען קוואליטעט
און פעטיגקייט
גרויס שפארזאמקייט
אין דער ווירטשאפט.

לישע שטיק־פונקטען. צי ווייסען די זעלבע הערען, וואָס שטרעבען אזוי שטארק, אז די אונטערוואקסענדע יונגע דורות זאָלן ניט פערפרעמדט בלייבען דאָס יודישע פאָלק און חאָטש קאָנען דאַווענען מיט א שטיקעל חומש, — צי חייסען זיי תוך דער גרויסער ענגשאפט, וואָס עס הערשט אין ת"ת און פאר וויפיל קינדער עס איז פשוט נישטאָ קיין פלאַץ צוליב'ן ענגען לאָקאל אויף צו לערנען דאָס ביסעל עברי? צי ווייסען זיי וויפיל אָרימע קינדער עס ציטערען פאר קעלט, געהענדיג פשוט נאקעט און באָרוויס? צי ווייסען זיי, אז צווישען די קינדער זענען דאָ א סך, וועס האָבען פשוט ניט דעם טאָג מיט וואָס איבערצולע־בען? וואו זענען די דאָזיגע רעליגעזע יודען? פאר וואָס טהוען זיי גאָרנישט אויף אָט דעם געביעט? פאר וואָס שוויי־גען זיי און נעמען נישט אונטער קיין אקציע מיט דער הייליגער לאָזונג פון בעקליידען און בעשיכען אָרימע יודי־שע קינדער, וואָס זיצען און לערנען אין תלמוד־תורה?

מיט האלטען פין בלויזען פרינציפ, אַז „די תורה איז די בעסטע סחורה" קאָן מען נאָר אָנזאָרימען די נשמה, אָבער נישט דעם גוף, דערצו איז נוי־טיג ממשות'דיגע מאַטעריע אין גע־שטאַלט פון וואַרימע וועש, קליידונג און גאַנצע שיך. די רעליגיעז־אָרטאָדאָק־סישע פרנסים, וואָס זיצען זיך אין זיי־ערע וואַרימע, ליכטיגע היימען ווייסען גוט פון סוד, אז פאר דער בלויזער מצוה, וואָס זיי זענען עוסק בצרכי צבור ווערען זייערע שטובען נאָך נישט איינגאַנצען בעוואַרימט און בעליכטען. נאָר מען מוז טאַקע דערצו נאָך גוט אונטערהייצען די אויבענס אין שטוב און אויף צו גיהן אין גאַס אריין מוז מען גיהן גוט אָנגעטוהן. זאָלען זיי חאָטש פיהלען, אַז די אָרימע תינוקות של בית רבן, ברויכען אויך א וואַרים פאַלטענדעל און א פאָר גאַנצע שיך.

דער אומצופרידענער צושטאַנד האָט געצווינגען פיל עלטערן פון די קינדער צו גרינדען א עלטערן־קאָמיטעט, וועל־כער זאָל אויף דעם אַלעם רעאַגירען און איינפיהרן א בעסערע אָרדנונג. ס'איז דעריבער א גרויסער חוב, אַז אונזערע געזעלשאַפטליכע טהוער אין אַלגעמיין זאָלען זיך אויפרייכטיג און ערנסט צו־הערען צו זייערע גערעכטיגע טענות, וואָס זיי וועלען אַרויסשטעלען.

**ב. צווייג.**


# יעדער ווייסט שוין
## אז די
# פלאַנצען־פוטער




## איז פריש און נאַרהאַפטיג
## דעריבער נוצט נור
# = סינאי =


# „משיח וועט קומען" טאַקע היינטיגס יאָהר תרפ"ט

## אזוי גלויבט מען אין ארץ־ישראל

מיט לערך צוויי וואָכען צוריק האָט מען אין אלע שוהלען פון ירושלים פער־טיילט א בלעטעל מיט א קעפעל פון אויבען: „קול מבשר, מבשר ואומר!" און דאָס בלעטעל איז צוכאַפּט געוואָ־רען ווי מצה וואַסער און יודען האָבען געשלונגען יעדעס וואָרט וואָס איז דאָרט געשטאַנען.

פאַרהאַן אַן אַלטער יוד, א ספרדי, עמנואל בן־ניסן הייסט ער, וואָס האָט א געוועלבעל פון מאַנופאַקטור אין דוד גאַס אין דער אַלטער שטאָדט. ער האָט א לאַנגע ווייסע באָרד, מיט א פאָר טיפע אומעטיגע אויגען און איז איבּ־ריגענס מיט גאָרנישט אנדערש פון א סך אנדערע אַלטע ספרדישע יודען. און ער איז עס דער יוד, וועלכער האָט פערשפרייט דאָס בלעטעל וואָס האָט אָנגעמאַכט אזאַ רעש צווישען אַלע יו־דען אין ירושלים און אפשר אין גאַנץ ארץ־ישראל.

און אָט איז בערך דער אינהאַלט פונ'ם דערמאָנטען בלעטעל:

„ס'איז געווען דער אנהויב פון דאָס יאָהר תרפ"ט און איך עמנואל האָב זיך אָנגעהויבען בעטען ביים רבונו של עולם א סוף צו מאַכען צום שרעקליכען לאַנ־גען גלות אין וועלכען מיר ליידען אזוי און איך הויב נישט אָן צווייסען פאַרוואָס און פאר ווען.—

„און שבת־שובה ביי נאַכט, דעם אַכ־טען אין זיבעטען חודש תרפ"ט פאר־טאָג זענען מיר אריין אין הארצען אָט די ווערטער: איהר בני ישראל בעט ביי אייערע עלטערן אברהם, יצחק און יעקב און איהר וועט אויסגעלייזט ווע־רען.

„און אזוי זאָלט איהר בעטען: אבותינו אברהם יצחק און יעקב, איהר ווייסט דאָך, אז אייערע קינדער בני ישראל זענען אין גלות צווישען גוים שוין צוויי טויזענט יאָהר און געפינט זיך אין גרויס נויט און מיר האָבען נישט קיין שום זכות און קיין שום מעשים טובים, אז מיר זאָלען פועלן מיט אונזערע תפלות. בעטען מיר איהר זאָלט פאר אונז בעטען און אין אייער זכות וועלען מיר אויסגעלייזט ווערען!

און אזוי ווי עס ווערען אָנגענומען ביים רבונו של עולם די תפלות פון צדיקים האָב איך געבעטען גאָט און אונזערע אבות די אויבענדערמאָנטע בקשה.

„דעם ניין און צוואַנציגסטען פון זיבעטען חודש שבת צו־נאַכט נאָך האַלבע נאַכט האָב איך געזעהען אין חלום א חשובען מענש אָנגעטהון אין ווייסע קליידער ווי שניי, מיט זיינע גלאַנציגע האָר און ער האָט מיר אזוי געזאָגט: „זאָג די יודען, כ'זעה וואָס די גוים טוהען אייך, איך וועל אייך אויסלייזען". אָבער די בעשטימטע צייט וואָס ער האָט מיר אָנגעגעבען האָב איך פערגעסען.

האָב איך זיך געבעטען ביי גאָט און געפאַסט כדי ער זאָל מגלה זיין די צייט וואָס איך האָב פערגעסען.

און אין דעם זעקסטען פון אַכטען חודש שבת ביינאַכט האָב איך געזעהען אין חלום אַן אַלטען מאַן מיט א פאַפי־ער אין האַנד, ער איז געלאָפען א פרייליכער ווי איינער וואָס קומט אָנ־זאָגען א גוטע בשורה. און ווען ער האָט זיך דערנעהנטערט האָב איך גע־זעהן, אַז אויפ'ן פאַפיער, וואָס ביי איהם אין האַנד, שטעהט געשריבען: „משיח וועט קומען און ער הייסט יחזקאל". אָבער א בעשטימטע צייט איז נישט געווען אנגעשריבען.

„האָב איך אין יענע טעג זייער פיל תפלה געטוהן און געפאַסט כדי צו חיי־סען די צייט.

דעם 19־טען פון 8־טען חודש ד. ה. דעם 2־טען נאָוועמבער ביינאַכט האָב איך געזעהען אין חלום, ווי יודישע פרויען ערגערן זיך צוליב דעם צער, וואָס די יודען האָבען אין ירושלים און וועקען דער מוטער שרה. און איך האָב געזעהען, ווי אַן אַלטע יודענע, א צנועה און א בעשיידענע רעדט שטילערהייט: „וואָס קען איך טוהן?" און די ווייבער זאָגען איהר: „שלאָג זיך אין הארצען 8 מאָל און רוף בשה'ען ער זאָל בע־שיצען די יודען". האָב איך געזעהן ווי זי קלאַפט זיך אין הארצען מיט גרויס אונטערטעניגקייט און זאָגט: „משה, משה, האר פון די יודען" און איך האָב זיך אויפגעכאַפּט.

„האָב איך נישט גערוהט און געפאַסט שני וחמישי ושני און זיך געבעטען מיט טרערן ביי גאָט, ער זאָל מיר מודיע זיין די צייט פון דער אויסלייזונג.—

„דעם זיבען און צוואַנציגסטען פון אכטען חודש, שבת ביינאַכט, האָט זיך מיר געחלומט, אז איך בין אין א שטאָדט וואָס כ'האָב זי נאָך קיינמאָל נישט גע־זעהען און איך זוך א מענשען וואָס זאָל מיר ווייזען דעם וועג צו בעטען ביי

## די הינטער־קוליסען־פאליטיק ארום די פאלקס־שולע.

ווי מיר האבען שוין מיטגעטיילט אין אונזער צייטונג פון פאריגע וואך, האט פרנס ה' לעשטש מיט זיין שוואגער ה' פנחס טייכמאן געגעבען 8000 זל. דער גמינע אלס אבצאהל פאר דער קרקע פון זייער מוטער און שוויגער. מיט'ן בפירוש'ען תנאי, אז דאס געלד זאל געהן אויף א פאלקס־שולע.

דאס געלד אין פארם פון וועקסלען איז איינגעלעגט געווארען ביים ה' דוד קאפפער. און אזוי ארום איז דער פערשארפטער סכסוך צווישען זיי מיט ה' קעניגסבערג ליקווידירט געווארען.

לויט אבער די ידיעות, וואס מיר האבען בעקומען ווענען די ה"ה קעניגסבערג און מוליער נישט געבליבען צופרידען און זיי פערלאנגען דורכאויס די 8000 זל. זיי אנצופערטרויען, ס'הייסט אז דאס געלד זאל איבערגעהען אין רשות פון דער גמינע, וועלכע זאל האבען דאס רעכט צו פערווענדען דאס געלד לויט איהר איינזעהן. צו דעם צוועק האט מען אנגעהייבען פיהרען אונטערהאנדלונגען מיט ה' לעשטש ער זאל ענדערען זיין בעשלוס און מסכים זיין איבערצוגעבען דאס געלד אין גמינע און צו איהר דיספאזיציע אזוי, אז צו וואס זי וועט וועלען די סומע בענוצען זאל זי זיין זעלבסשטענדיג.

אין תחילת איז די שתדלנות שווער אנגעקומען צו פועל'ען ביי ה' לעשטש ער זאל צוריקציהען זיין החלטה. און ה' מוליער האט צוליב דעם צוגעשיקט צו דער גמינע א רעזיגנאציע־בריעף, אז ער ענטזאגט זיך פון זיין מאנדאט אלס דאזאר, אויב ה' לעשטש וועט נישט אבטרעטען פון זיין פריהערדיגען בעדינג.

בשעת מיר שרייבען די דאזיגע שורות איז אונז נישט בעוויסט דער רעזולטאט פון די הינטער־קוליסען־אונטערהאנדלונגען. לויט ווי מיר הערען, בעמיהען זיך א טייל פון די „וועלטליך־דעמאקראטישע" דאזארעס און זיי ווילען אויסאיבען זייער איינפלוס אויף ה' לעשטש, ער זאל מסכים זיין אבצורופען די 8000 זל. אויף די פאלקס־שולע און עס איבערגעבען אין דער גמינע.

מען שמועסט אפילו, אז די דאזיגע „פריינד" פון א יודישע פאלקס־שולע זאלען שוין האבען דערגרייכט זייער ציעל, אויפווידקענדיג ביים ה' לעשטש צו אנולירען זיין בעשלוס.

## אלגעמיינע פערזאמלונג פון לאקאטארען.

דעם 20־ען ה. ח. וועט אין לאקאל פון האנדווערקער־קלוב (וואל 59) פארקומען א אלגעמיינע פערזאמלונג פון לאקאטארען.

דער טאג־ארדנונג פון דער פערזאמלונג וועט זיין געווידמעט צו רעארגאניזירען און ווידער אויף־דאס־ניי בעשאפען דעם לאקאטארען־פעראיין וועמענס עגזיסטענץ עס איז לויט די איניציאטארען ווייטער אקטועל און אין פיל פאלען א נויטווענדיגע זאך.

## באהן - מיניסטער ה' קיהן אין ראדאם.

היינטיגען מאנטאג איז מיט א ספעציעלען צוג געקומען קיין ראדאם דער באהן־מיניסטער ה' קיהן.

דער מיניסטער איז אויפגענומען געווארען אויפ'ן פעראן פון פיל פארשטעהער פון דער ראדאמער באהן־דירעקציע מיט'ן פרעזעס ה' אנדזשעיעווסקי אין דער שפיץ.

בשעת דאס אנקומען פון צוג האט דער ארקעסטער פון דער היגער באהן־דירעקציע מקבל פנים געווען און בעגריסט דעם ה' מיניסטער מיט א מארש.

פון דער באהן איז דער מיניסטער אבגעפאהרען אין דער באהן־דירעקציע, וואו ער האט אויפגענומען אלע שעפען פון די דירעקציע־אבטיילונגען.

דער מיניסטער איז אין אייגענעם טאג 5 אזייגער צוריק אבגעפאהרען קיין ווארשא.

## פ ו ן ס ו ח ר י ם - פ ע ר א י י ן

### פארוואהל-פערזאמלונג וועגען די וואהלען צו דער האנדעלס און אינדוסטריע קאמער.

אין צוזאמענהאנג מיט די וואהלען צו דער האנדעלס און אינדוסטריע קאמער, וואס וועלען פארקומען מיטוואך 16 ל. ח. אין לאקאל פון סוחרים פעראיין (לובעלסקא 18) אום 11 אז. פריה, מאכט דער סוחרים פעראיין בעקאנט, אז זונטאג דעם 13 ל. ח. וועט אין אייגענעם לאקאל, אום 6 אז. אווענד פארקומען אנ'אויסערגעוועהנליכע פערזאמלונג, געווידמעט די וואהלען צו דער קאמער.

אלע מיטגלידער ווערען אויפמערקזאם געמאכט אויף דער וויכטיגקייט פון דערמאנטען ענין און ווערען דעריבער געבעטען צו קומען צו דער פערזאמלונג מאסענווייז און פינקטליך.


Kino Teatr „CORSO" w Radomiu.

**Od PONIEDZIAŁKU 14-go stycznia r. b.**

**גאנץ ראדאם ערווארט מיט דעם גרעסטען אונגעדולד**

**די גרויסע פרעמיערע**

**wg. natchnionego arcydzieła**

**Stefana Żeromskiego**

P. T.

**PRZEDWIOśNIE**

Scenarjusz i opracowanie literackie: ANDRZEJ STRUG i ANATOL STERN

*Realizacja: H. SZARO.*

Zdjęcia: J. MARS. Dekoracje: H. ROUC. Asystent reżysera: M. WASZYŃSKI.

W rolach głównych najznakomitsze siły ekranu i sceny:

| | |
|---|---|
| Cezary Baryka . . . | ZBYSZKO SAWAN |
| Ojciec Cezarego . . | Stefan Jaracz |
| Matka Cezarego . . | Tekla Trapszo |
| Laura Kościeniecka . | Marja Gorczyńska |
| Karolina . . . . . | Marja Modzelewska |
| Wanda . . . . | Jaga Boryta |
| Barwicki . . . . | Bogusław Samborski |
| Hipolit Wielosławski | Bolesław Mierzejewski |
| Pani Wielosławska | Marcello-Palińska |
| Ksiądz Anastazy . | Janusz Dziewoński |
| Aniela ( Ciotki Hipolita | Irena Rubek |
| Wiktorja ( Ciotki Hipolita | Marja Mogilnicka |
| Jędrek . . . . . . . | Władysław Walter |
| Maciejunio . . . . . | B. Sapalski |
| Skalnicki . . . . . | Oktaw Kaczanowski |

W rolach epizodycznych:

**PANIE:** Andukowicz, Chaveau, Kamińska, Nonnê, Oleńska, Parnellowa, Rotter - Jarnińska, Zosia Szuberle i Ninka Wilińska.

**PANOWIE:** Belina, Deren, Gucki, Hutten-Czapski, Janicki, Kowalksi, Lindner, Orden-Owron, Rzętkowski, Szubert, Zajączkowski, Zwirski, Tadzio Fijewski i Tadzio Sułkowski.

## שריפה אין דער קיטען-פאבריק פון ה' טענענבוים.

אין דער קיטען=פאבריק פון ה' אלי= ענענבוים (מילא 2) איז פאריגען שבת=צו-נאכט אזייגער 11 אויסגעבראכען א שריפה, בשעת וועלכער ס'זענען גענצליך פערניכטעט געווארען די הילצערנע געביידעס פון דער פאבריק. דער שאדען פון דער שריפה ווערט געשאצט בערך 400 טויזענד זל.

די סבה פון דער שריפה איז געווען א קורץ=שלוס פון די עלעקטרישע דראהט אין דער מאשין=אבטיילונג. הזו עס האבען זיך געפינען לייכט-ברע= נענדיגע זאכען

דריי אבטיילונגען פייערלעשער האבען דאס פייער איינגעלאשען.


Kino Teatr „ODEON” w Radomiu

**Anons!** **Anons!**

Od 14-go Stycznia r. b.

Wielka Tragiczka ekranu Bożyszcze całego świata

# LILJANA GISH

**w przepotężnym najnowszym pełnym uczucia obrazu p. t.**

# WICHER


## פון דער ציונ. ארגאניזאציע

פרייטאג דעם 11 יאנואר 7 אזייגער אוועגד וועט אין דער ציונ. ארגאני- זאציע פראפ. פ. מושקאטבליט האלטען דעם ערשטען רעפעראט פון א נייעם ציקל רעפעראטען איבער די תקופה פון די יודען אין שפאניען. פינקט- ליך צו קומען. ראזענבערג א ד.ט. „פראנקיזם" (פון ציקל „מעסיאניזם ביי די יודען אין גלות"). — איינגאנג פריי פאר אלע!

די פערוואלטונג.

## פון דער ציוניסטישע שול-יוגענד

קאמוניקאט.

די טעג האט אין ראדאם געווילט א דעלעגאציע פון פערבאנד פון שילער ציוניסטען-רעוויזיאניסטען „מסדה" אין ווארשא בכדי צו ארגאניזירען אין ראדאם א אפטיילונג פון „מסדה".

* * *

שבת דעם 12|1 $4^1/_2$ נ. מ קומט פאר אין לאקאל פון דער ציונ. ארג. (לובל. 22) א רעפעראט פון חבר א.

## הכנסת כלה.

היינטיגען זונטאג ווערט אין היגען גרויסען בית-המדרש גערופען א אלגע- מיינע פערזאמלונג, אויף וועלכער ס'ווע- לען ארויסטרעטען מיט רעדעס היגע רביים, רבנים און סתם רעדנערס וועגען שאפען אין ראדאם א געזעלשאפט א. נ. „הכנסת כלה".

## פון רעדאקציע

צוליב מאנגעל אין פלאץ איז נישט אריין אין היינטיגען נומער דער ענט- פער פון ה' י. קירשענבוים אויף דער ערקלערונג פון ה' ד. סמודניע. דער ענטפער קומט אין נאנטסטען נומער.


Kino „NOWE CZARY“ Teatr

W następnym programie kina „NOWE CZARY“ spontaniczny wybuch namiętności, splot potężnych akordów wielkiej miłości.

**Baczność!** **Baczność!**

**Vilma Banky i Ronald Colman**

*Czarująca Para Kochanków*

walczy nienawidzi, kocha i zwycięża w przepięknym dramacie rozkosznej sielanki fascynującej miłości i żądzy w filmie p. t.

# KOCHANKOWIE

**(Skórzana Maska)**


מזל = טוב [illegible]ען מיר אונזער בעסטען פריינד

א. קארמאז און זיין פרוי

צוליעב די פערלאבונג פון זייער טאכטער חנה מיט ה' ט. זילבערבערג

די עלטערן פיל נחת און דעם פערלאבטען פארל א גל קליכע צוקונפט.

שמואל ראזענבערג מיט פאמיליע.


## OGŁOSZENIE

**W dniu I stycznia b. r. otwarta została w Radomiu przy ul. Lubelskiej 39 w dawnym lokalu Składu fabrycznego Johan Cohn i Sp.**

„Centrala Mebli Giętych Biurowych Salonowych i Dziecinnych“

która stale posiada na składzie duży wybòr mebli z pierwszorzędnych fabryk krajowych oraz urządzenia biurowe z Fabianickiej Fabryki Mebli Biurowych

**Ceny konkurencyjne** **Warunki dogodne**

z poważaniem

*Centrala mebli giętych i biurowych*

**S-ka z odp. ogr.**

**w Radomiu ul. Lubelska 39**

Rutynowany buchalter korespondent polsko-niemiecki z długoletnią praktyką

**poszukuja stałej posady** lub na godziny.

Łaskawe zgłoszenia sub. A do administracji pisma.

## וויכטיג

פאר סוחרים און פאבריקאנטען פון ראדאם און אומגעגענד

עס איז געעפענט געווארען א קאנצעסיאנירטער ווארשטאט

אונטערן נאמען „בוראל" אויף דלוגא 5

וואס נעמט אפ צו פערדעכען וואגען און סטעמפלען

שנעל אויסגעצייכנט [illegible] מעסיגע פרייזען.

## Uczenica wyższego kursu

**SZKOŁY MUZYCZNEJ w Radomiu**

udziela lekcji FORTEPIANU

**po cenach nader przystępnych.**

WIADOMOŚĆ:

**Welmanówna Radom, pl. Jagielloński 2** (parter)


מעומק לבי הנני משתתף בצער ויגון של חברי משה לוקסענבורג במות עליו אחיו, האיש נכבד ופרנס בעיר רדום

# דוד לוקסענבורג נ"ע

וגם להסתדרות „המזרחי" אביעה את דאבון דגשי לבבי בפרידת חברם נ. ע.

מרדכי לייב פישמאן.

יחד את כל המשפחה הנני מבכה את מותו של אחד מחברי לדיעה הכי נאמנים המזרחי הנלהב, העסקן הלאומי החרוץ

# מר נחום דוד לוקסנבורג נ"ע

ינחם ה' את משפחתו המתאבלת.

ברוך ניימאן (פ"ז).


## ווער ס'ביויך א מענש

צוהיטען א סקלאד פון סחורה, אדער אין א פאבריק אריין, ארער אלס וואזשני אין א באנק נישט פאר קיין גרויסע געלדער — קאן זיך ווענדען אין רעדאקציע פאר „ב".

## עס ווערט געזוכט א צימער

אין צענטער שטאדט פאר א חודש'ליכען אבצאהל. אפערטען קאן מען איבגעבען אין רעדאקציע פאר מ. ר.

## *Kino „ODEON" Teatr*

**Od 7 stycznia r. b.**

# Romans Panny Opolskiej

wg znanej powieści K. Przerwy Tetmajera. Pierwszorzędny film polski o prawdziwie europejskim zakroju. Przecudowne krajobrazy Szwajcarji. Przepiękny Wiedeń. Nasza kochana Warszawa. Oto tło na którym rozwija się akcja w wykonaniu takich artystów jak:

Bożewska Helena, Czarnecka Danusia, Hnydziński Stefan.

## *Kino „CORSO" Teatr*

**Od poniedziałku 2 stycznia**

**DZIŚ PREMJERA**

# BŁĘKITNE NOCE

Potężny dramat w 10 dużych aktach. Emocjonująca opowieść o kusicielce i jej ofiarach. W rolach głównych:

Imogena Robertson, Norman Kerry i Lewis Stone.

Anons! PRZEDWIOŚNIE Anons!

## *Kino „Nowe Czary" Teatr*

פון מאנטאג דעם 7 סטיטשען

אייער פאוואריט *Jwan Mozżuchin*

אין בעגלייטונג פון די בערימטע ארטיסטינס זיין פרוי

Agnes Mozźuchinowa i Lili Dagower

**TAJNY KURJER** א. נ.

דאס בילד שטייגט איבער אלע ביז יעצט געוויזענע

בילדער מיט **מאזשוכין**

בעמערקונג: דאס בילד האט נישט קיין געמיינזאמעס מיט דעם אמאליגען דעמאנסטרירטען בילד אין ראדאם א. נ. „קייזערלעכער קוריער".


# OGŁOSZENIE.

Stosownie do par. 38 i 57 Rozporządzenia Ministra Pracy i Opieki Społecznej z dnia 24.III-1926 r. (Dz. U. R. P. Nr. 44 poz. 273) Zarząd Powiatowej Kasy Chorych w Radomiu podaje do wiadomości wynik wyborów do Zarządu Powiatowej Kasy Chorych w Radomiu, które odbyły się na posiedzeniu Rady Kasy Chorych w dniu 29 grudnia 1928 r. — Wybrani zostali:

## GRUPA UBEZPIECZONYCH

### z listy Nr. 1

Kandydatów Komitetu Wyb. do Pow. Kasy Chorych w Radomiu Robotników i Prac. Umysłowych

| L. p. | Nazwisko i imię | Zawód | Pracodawca | Adres |
|---|---|---|---|---|
| 1 | Strupczewski Kazim. | technik | Państw. Fab. Broni | Fabryka Broni |

ZASTĘPCA:

| L. p. | Nazwisko i imię | Zawód | Pracodawca | Adres |
|---|---|---|---|---|
| 2 | Dąbrowski Lucjan | farmac. | Apt. Łagodzińskiego | Nowogrodzka 1 |

### z listy Nr. 2

Kandydatów do Zarządu Powiatowej Kasy Chorych w Radomiu z ramienia P. P. S. i klasowych Związków Zawodowych.

| L. p. | Nazwisko i imię | Zawód | Pracodawca | Adres |
|---|---|---|---|---|
| 1 | Grzecznarowski Józef | garbarz | Magistrat | Nowogrodzka 23 |
| 2 | Kisielewski Wacław | mag praw | Biuro Inwest. Miejsk. | Kilińskiego 9 |
| 3 | Rybicki Leon | tokarz drz | Rada Zw. Zawodow | Basenowa 18 |
| 4 | Ćwięk Antoni | mechanik | „ „ | Narutowicza 11 |
| 5 | Pusty Jan | heblarz | Fabryka Broni | Dom Fabr. Broni |

ZASTĘPCY:

| L. p. | Nazwisko i imię | Zawód | Pracodawca | Adres |
|---|---|---|---|---|
| 6 | Kowalczyk Stanisław | szewc | Magistrat | Basenowa 1 |
| 7 | Rodziewicz Wacław | urzędnik | „ | Basenowa 16 |
| 8 | Szulmajer Edward | ślusarz | Fabryka Broni | Dom Fabr. Broni |
| 9 | Marszałek Jan | st robotn. | Fabr Wyr Tyton. | Narutowicza 11 |
| 10 | Krok Jan | murarz | Kom. Bud Domu Rob | Narutowicza 11 |

## GRUPA PRACODAWCÓW:

| L. p. | Nazwisko i imię | Zawód | Adres |
|---|---|---|---|
| 1 | Wioczkowski Lucjan | inżynier | [illegible] |
| 2 | Graff Tadeusz | vice-dyrektor Fabr. Broni | dom Fabryki Broni |
| 3 | Kirszenbaum Jonas | przemysłowiec | Nowogrodzka 5 |

ZASTĘPCY:

| L. p. | Nazwisko i imię | Zawód | Adres |
|---|---|---|---|
| 4 | Bluman Majżesz | dyrektor fabr.—przem. | Marjacka 4 |
| 5 | Romanowski Lech | inż.-przemysłowiec | Żeromskiego 36 |
| 6 | Adler Jakób | kupiec | Piłsudskiego 1 |

Dyrektor (—) T. Pleszczyński.

Przewodniczący Zarządu (—) J. Grzecznarowski.

Radom, dnia 31 grudnia 1928 r.

# פאר דער עפענטליכקייט.

אזוי ווי דער ה' מרדכי מענדעל ניידיק האט אונטערגעשריבען מיין נאמען אויף א וועקסעל אויף א סומע פון 300 זל. אלס היסטאווצא און דאס זעלבע וועקסעל איז פראטעסטירט געווארען—אלזא ערקלער איך, אז איך האב דאס וועקסעל נישט אייגענהענדיג אונטערגעשריבען.

אויב עס געפינען זיך נאך אזעלכע וועקסלען מיט דער זשירא פון ה' מרדכי מענדעל ניידיק זענען זיי נישט מיינע און איך בין פאר זיי נישט פעראנטווארטליך.

הירש לייב גאלדבערג פאדוואלניא 5.

# OBWIESZCZENIE.

DZIENNIK ZARZĄDU miasta RADOMIA (Nr. 1) zawierający spis statutów podatkowych, jest do nabycia w cenie 1 zł. w Wydziale Skarbowym Magistratu (Sekcja Podatk.-Egzekucyjna, parter, okienko Nr. 3).

**MAGISTRAT m. RADOMIA**
**Wydział Skarbowy.**











א געזיכערט לעבען

Kursy samochodowe

# H. PRYLIŃSKIEGO

Warszawa, Aleje Jerozolimskie 27

לערן אויטאס מיט **דאפלטער פירונג**

**וועלט-פאטענט.**

פערלייכטערט און איילט צו די לערע.

גיכער און גרונטיגער אויסלערנען.

**אפיעקט** און **דירה** פאר פרעמדע

פראוויאנעלע און דזשענטעלמען פאר־רעכט.

א פאהר־ערלויבניש ווערט גאראנטירט.

א ספעציעלער קורס פון פראקטיקען.

# ר. רויכווארג

שיפס־קארטן פאר אמעריקא

**ווינער, ווארשא,**

שח. יערסקא 34. טעל. 283-83

פראנט ־טער שטאק

M. Wiener, Warszawa, 5-to-jerska 34

טעלעגראם אדרעס: Mowiner, Warszawa

Skład Apteczny

# F. ŁAGODZIŃSKIEGO

w RADOMIU Pl. 3-go Maja 1

Poleca Szanownej Klijenteli bogaty wybór perfumerji, kosmetyki i mydeł

**Specjalną orzeźwiającą wodę kolońską pośwwierną jest niezbędną dla każdego podczas wiru zabaw karnawałowych kieszonkowe rozpylacze do perfum.**

Bogaty wybór—Ceny b. przystępne.


Redaktor i Wydawca Ch. M. Herc

Odbito we własnej drukarni, Radom Szwarlikowska 20.